STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04456

IN DAYN TIR

Abraham Lev

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם לעוו

אין דיין טיר

לידער

תל־אביב ■ פארלאג „פריינט" ■ 1937

Prinited in Palestine

דרוקעריי „ליגא", רמת־גן.

איך בין ווי אַן אָרימאַן אַריין אין דיין טיר
און אויף דיין שוועל געבליבן שטיין
וועסטו, לאַנד מיינס, פאַר מיר
זיין שוין אַ היים?

דערווייל דעם זוניקן בלוי איך זאַפּ
פון דיינע ליכטיקע טעג...
וועסטו דער לעצטער עטאַפּ
זיין אין מיין וועג? — — —

א.

ס׳איז געווען הארבסט דאן··· – צוויי בריוו

ס'איז געווען הארבסט דאן...

א.

ס'איז געווען האַרבסט, ווען כ'בין אַוועקגעפאָרן פון מיין אַלטער היים
אין דאָ איז איצטער זומער.
אין פענסטער קוקט אַריין אַ פאַלמע־בוים,
און אויף מיין טיש שטייען בלומען

נאָר דאָרטן איז געווען האַרבסט און קאַלט,
אַ רעגן האָט געשווענקט די ווילנער דעכער —
די געלע בלעטער זענען שווייגנדיק געפאַלן
ווי זשאַווערדיקע בלעכלעך.

קיינער האָט מיך נישט צום באַן באַגלייט,
נאָר די מאַמע איז מיט מיר געגאַנגען.
אין וואַליזקע איינגעפּאַקט אַ בוך, אַ לעבל ברויט.
אין האַרץ — ווי האָלעוועשקעס, טליענען געזאַנגען...

פון אויבן האָט אַ דינער רעגנדל געטריפט.
פון קעלט האָבן זיך געהויקערט מויערן און שטיבער,
מיין מאַמע האָט געטאָן אַ זיפץ:
„אויף ווען לאָזט מיך, אַברהמל, איבער?"

איך בין געבליבן אַ ווײַלע שטום

שטיין, בײַ די וואַקזאַלנע מאַרמאָר־שוועלן:

„אַזאַ מין גרויסע וועלט אַרום,

און מיר, מאַמע, זענען עלנט!

אַזוי פיל מענטשן איז דאָך דאָ,

אַזוי פיל שטעט, אַזוי פיל לענדער; —

און אומעטום איז פרעמד מײַן טראָט,

אומעטום בין איך אַ פרעמדער!"

ס׳ליגן רעלסן, שטאָל, זיך שטייף,

און ווי די שלאַנגען ציען זיך באַנען.

ס׳דערלאַנגט דער צוג דעם לעצטן פײַף:

„זײַ געזונט דאָ, גוטע מאַמע!

בלײַב געזונט, איך פאָר אַוועק

אין לאַנד, וואָס דערמאָנסט עס אין דײַן תפילה,

און כ׳נעם מיט זיך פאַר קומענדיקע טעג

דײַן ברכה מיט, די האַרציקע, די שטילע..."

אַ רעגן האָט געקלאַפּט אין שויב, די באַן האָט זיך גערירט.

די מאַמע איז געבליבן וואַרטן.

ווי עפּעס וואָלט אין האַרץ געפּלאַצט האָב איך דערשפּירט — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז אין מײַן אַלטער היים געוועזן האַרבסט דאַן...

ב.

די באַן לויפט שנעל פאַרויס, דאָס ראָד קלאַפּט ריטמיש צו;
עס שמייכט אַ דינער רעגן אין די שויבן ווידער.
ס'טונקלט שוין אין דרויסן, שוואַרצע נאַכט פאַלט צו —
און ס'וועקן זיך אין האַרצן אומעטיקע לידער.

די מאַמע שטייט נאָך אַלץ ביים רעלס פון קאַלטן שטאָל,
אויף וועלכן ס'איז איר קינד אַוועקגעפאָרן.
מיר דוכט, איך הער פון ווייט איר וויינענדיקן קול,
און סשניידט איר פּנים איין זיך שאַרף אין מיין זכרון.

די באַן לויפט שנעל פאַרויס, און ריטמיש קלאַפּט דאָס ראָד.
אונדזער צוג איז קעגן שוואַרצער נאַכט געגאַנגען, —
פון ווייטן פלאַמען אויף פייערן פון אַ שטאָט,
און פון די פעלדער טראָגט זיך אומעטיקע געזאַנגען.

איך שטיי אַזוי ביים שויב און קוק אַרויס אין פעלד,
און דריק צום קאַלטן גלאָז מיין ברענענדיקן שטערן.
עס דרייט זיך פאַר די אויגן מיר אַ גאַנצע וועלט,
און פונקען פליען פון לאָקאָמאָטיוו, ווי רויטע שטערן.

איך קוק אַרויס אין פעלד, און עפּעס טוט מיר באַנג;
און עפּעס טוט מיר ווײ, ווי כ'וואָלט דעם נאָענטסטן אָנגעוואָרן.
עס קלאַפּט דאָס ראָד צום טאַקט, און ס'העלפט די שויב צום קלאַנג,
און פעלדער ציען זיך, ווי טונקעלע קאָוויאָרן.

איך זעץ זיך אויף דער באַנק און שליס די אויגן צו.
וואָס ס'טגעזאָלט זיין, איז געוואָרן.
איך ווייס, אַז ס'שטייט די מאַמע און ווײנט נאָך אויף איר זון —
וואָס א״ז אין ארץ־ישראל היינט אָוועקגעפאָרן.

וואָס איז פון איר אַוועק, אַריבער ווײטן ים,
אין לאַנד, וואָס ווערט דערמאָנט אַזוי פיל מאָל אין סידור;
אין עפּעס מיר אין קאָפּ פלאָנטערט זיך אַ גראַם, —
פלאָנטערן זיך שורות פון ניט דערוועבטע לידער.

לויפט דער צוג אויף גיך, שניידט די שוואַרצע נאַכט.
לויפן אויף די רעלסן פריילעכע וואַגאָנען,
און איך אויף דער באַנק לעם פענסטער זיץ פאַרטראַכט,
און זוך אום אויפן הימל די פאַרכמאַרעטע לבנה.

ברענט איינגעדרייט די לאָמפּ און גיסט אַ געלע פאַרב,
און ס'פלאַמען אויפעט ווערטער: „ווילנע ירושלים דליטא״...
ס'איז אין מײן אַלטער הײם, געוועזן שפּעטער האַרבסט.
ס'איז אין מײן אַלטער הײם געוועזן ערב ווינטער.

ג.

שיפן קומען אָן און שיפן גייען אָפּ,
עס וואַרט אַ שיף אויך אויף מיין קומען.
ווערט לויטער, ווערט ליכטיקער מיר אין מיין קאָפּ,
אין ס'קלעפּט פון פרייד די צונג זיך צו מיין גומען.

שיפן קומען אָן און שיפן גייען אָפּ,
שיפן אַזעלכע ריזיקע און גרויסע.
איז אויך פאַר מיר אין זיי פאַראַן אַן אָרט,
עס דעקן איין מיך קאַלטע שווייסן.

שטעלט דער מאָרגן זיך, אַנהויב ווינטערדיק, מיט יונגע פרעסט
אין נעמט מיר דורך־און־דורך די ביינער.
ס'האָט ליכטיק זיך פאַר מיר צעשטראַלט טריעסט,
און ס'האָבן זיך פאַר מיר צעטאַנצט פון ברוק די שטיינער.

איך שטיי ביים ים מיט פעקל און מיט פאַס,
געגרייט צום וואַנדערן מיט גרויסע שיפן;
נאָר פלוצלונג האָט אַ לויכט געטאָן פאַר מיר די גאַס
און אויך דאָס הויפל, וווּ עס שטייט מיין מאַמעס שטיבל.

עס זיצט ביים שויב די מאַמע אָנגעשפּאַרט
און קוקט אויף מיר מיט אומעטיקע אויגן:
וואָס שטייסטו, זון מיינער, אָט־דאָ און וואַרטסט,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער און קראַנקער פויגל?"

כ'האָב אויפגעכאַפּט זיך גיך אַרויף אין גרויסן שיף:
נו, פריי בין איך אָט איצט, אַ מענטש אַ פרייער!
נאָר עפּעס האָט אַ ברען געטאָן מיר אין מיין טיף,
נאָר עפּעס האָט אַ פלאַם געטאָן אין מיר אַ פייער.

כ'בין געבליבן שטיין אַזוי ווי צוגעשמידט צום ראַנד,
נאָר ס'האָט מיין אויג שוין גאָרנישט־ניט באַגעגנט.
כ'האָב מיטאַמאָל דערפילט די נאָענטקייט פון מיין לאַנד,
צו וועלכן ס'פירן איצטער אַלע וועגן.

נאָר ס'רירט זיך ניט די שיף, אַ געבונדענע מיט שטריק
שטייט זי צוגעשמידט אין מיטן וואַסער,
נאָר אַראָפּגעלאָזן איז די קליינע בריק,
וואָס פירט צו שטאָט, וואָס פירט צו גאַסן.

בין איך אומרואיק אָט איצט, און ס'פיבערט הייס מיין בלוט;
מיט מאָדנע זעאונגען און שיכורע פאַרלאַנגען, —
שרייט אַרויס פון מיר, בייטשט ווי מיט אַ רוט:
מאַטראָזן, הייבט שוין אויף דעם אַנקער!

ד.

אונטער מיר איז ים, און איבער מיר איז הימל;
און ס'דריקן מיך די ווענט פון גרויסער שיף.
אַ שטערן אין דער הויך האָט אויפגעבליט ווי אַ ווייטע בלימל, —
אַ פיש האָט זיך צעיאָמערט אין דער טיף.

אין אויך אין מיר האָט ווער געטאָן אַ יאָמער,
און אויך אין מיר האָט עפּעס זיך געטאָן אַ ריס.
עס פּאַטשן כוואַליעס זיך ווי ווייסע שוואָמען,
און ס'טרייסלט זיך דער דעק אונטער מיינע פיס.

דער אַנקער איז שוין אויפגעהויבן, צוגעשמידט צום שנאָבל;
עס שניידט די שיף אין נאַכט צו אונזער לאַנד.
אַ וואָלקן האָט דעם לעצטן שטערן אָפּגעשאָבן,
און די לבנה צוגעדעקט ווי נחן די שאַנד.

עס שניידט די שיף דעם ים און גייט צו נייע ברעגן,
דערנענטערט מיך צום אויסגעבענקטן לאַנד,
עס שפּריצן שוים-טראָפּנס אויף מיר, ווי דינער רעגן,
ווען כ'בייג מיין קאָפּ אַרויס אַריבער ראַנד.

נו, פּאַטשט איר טראָפּנס! שווענקט אַראָפּ דעם טרויער,
וואָס רוט אויף מיר שווער אַזוי און האַרב;
איך פֿאָר צום לאַנד, וואָס ליגט אונטער הימלען זוניקע און בלויע,
פּאַטש אין מיין אַלטער היים איז איצטער שפּעטער האַרבסט.

פּאַטש אין מיין אַלטער היים איז איצטער אַנהויב ווינטער,
און ס׳פרירט מיין מאַמע דאָרט און קאָרטשעט זיך פון קעלט —
פֿאָר איך צו ברעגן, וועלכע האַלטן איצט אין גרינען;
פֿאָר איך צו אונזער אייגן ווינקל אויף דער וועלט.

פֿאָר איך אין לאַנד איצטער אַ מידער, אַ פֿאַרבענקטער, —
ווי צופֿאַלן וועל איך צו גרינעם גראָז;
אַזוי פיל יאָרן אויסגעטרוימט און אויסגעווייטיקט —
און ענדלעך בין איך דאָ!...

די נאַכט גייט אָפּ; עס טאָגט, ס׳ווערט ליכטיקער און העלער,
און איך אַליין ב׳באַגינען אויפן דעק, —
עס ברענגען מיר אַ גרוס די שוימיק ווייסע וועלן
פון אומבאַקאַנטן נאָענטן ברעג.

דער הימל לויטערט זיך, עס טאָגט מיט בלויע פֿאַרבן;
דער נעפּל לייגט זיך שווער און טראָפּנוויז צערינט — — — —
ס׳איז אין מיין אַלטער היים געווען שפּעטער האַרבסט דאַן,
ס׳איז אין מיין אַלטער היים געווען אַנהויב ווינטער.

צווי בריוו

א.

א בריוו פון ארץ־ישראל

מאַמעלע טייערע, מאַמעלע ליבע,
האָב ניט אויף מיר קיין פּאַראיבל, —
איך בין שוין דעם ים לאַנג בשלום אַריבער,
נאָר ס'האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיין בריוול.

איך האָב אַלץ געקליבן זיך שרייבן און שרייבן,
דערציילן דיר אַלץ, וואָס פּאַראַגנען;
נאָר כ'האָב ביז איצט ניט געקענט זיך דערקלייבן
דיר אָנשרייבן עפּעס פון דאַנען.

איצט בין איך רואיק, יאָ, איך אַרבעט טאָג־טעגלעך,
ווייל דאָ האַלט זיך אין בויען און פלאַנצן.
אַמאָל שלעפּ איך ציגל אויף אַקסל, פיל מעגלעך;
א מאָל גאָר — אַ קויש מיט מאַראַנצן.

אַמאָל קריך איך הויך, אין דער הויך אויף רושטאָוואַניעס
מיט בלאָקן געלאָדן אויף אַקסל.
אַרום מיר — רעש; אַרום מיר — האַרעוואַניע,
און מ'ר — די פרייד פונם וואַקסן.

דאָרט העלף איך אַ מויער זאָל הויבן זיך העכער,
דאָ פּרוּוו איך אַ בוים איינצופלאַנצן.
אין אָוונט מיר קומען מיט פרייד פול, ווי בעכער
און לאָזן אַוועק זיך גאָר טאַנצן.

וואָס ווייסטו, אָ, מאַמע, די פרייד פונם וואַקסן;
די פרייד פונם בויען דערהויבט דיך אויף פליגל, —
ווען שענקסט פאַר דיין לאַנד אָפּ די הענט און די אַקסל,
ווען דו לייגסט זיך אַוועק פאַר אַ ציגל.

און גוט איז אַזוי אונטער הימלען זוניקע, בלויע
צו שפּאַנען, צו פילן און וויסן, —
אַז דו האָסט אַ חלק אין אויפבױ, אין בויען;
אַז דיינע זענען די כבישים.

דיין שווייס איז גערונען אויף בעטאָן און אויף האַמער,
דיין שווייס האָט באַנעצט די שאָסייען;
דיין העמד, אַ צעווייקטע, אַן לייב ט'זיך געקלאַמערט —
כאָטש נעם און טו אויס אויף צעדרייען.

יאָ, מאַמע: דיין זון איז געוואָרן אין לאַנד דאָ אַ פּשוטער טרעגער,
אַ פּשוטער מענטש, וואָס לעבט פון זיינע צען פינגער.
אַ מענטש, וואָס לייגט אויס מיט שטיינער די וועגן,
עס זאָל גיין און ס'זאָל פאָרן זיך גרינגער.

איך ווייס, אַז אַמאָל, גאָר אַמאָל טוט אַ כאַפּ דיך דער טרויער:
אין דיין אויג אַ טרערל אַ פינקל,
זיפצעסט אַוואַדע דאַן אָפּ מיט באַדויער:
„אַ תכלית פון מיין ליבן מיזינקל...״

האָסט געהאָפט, כוועל ווערן באַרימט פון מיינע לידער:
אַוואַדע אַ שרייבער, אַ גרויסער.
איצט בין איך אַ פשוטער בחור, אַ מידער,
שלעפּט ציגל, בעטאָן און שלעפּט קוישן.

יאָ, כ׳בין אַ פשוטער אַרבעטער, מאַמע!
מיין וועג ניט באַצירט איז מיט בלומען.
דאָך גלויב איך, אַז דו וועסט פאַרשטיין מיך מסתמא,
ווען דו וועסט אין גיכן דאָ קומען.

1933

ב.

אַ בריוו פון פוילן.

קומען גרוסן אַן פון פוילן, גרוסן אומעטיקע, שווערע.
רינען פון מיין מאַמעס בריוו ווייטאַגדיקע שורהלעך ווי טרערן:
„ס׳ווערט דאָ אַלץ איינגעטריקנט און פאַרלאָשן;
דער טאַטע האָט מאַנאַטן לאַנג שוין ניט פאַרדינט קיין גראָשן;
און צו דערצו שוועבט נאָך די אימה איבער אונז פון פּאָגראָמען;
אוואַדע וועט פאַרהיטן אונז פון אומגילקן זיין ליבער נאָמען, —
נאָר דערווייל איז שווער אַזוי, מיין קינד, צום לעבן, שווער אַזוי און ביטער,
עפּעס איז דאָס האַרץ מיר אַנגעשראָקן, ווייטאַגדיק און ציטערט;
אין אפשר זינדיק איך, ווער ווייס, וואָס דאַרף איך דען שוין האָבן?
איך און דער טאַטע דיינער זענען מיר צוויי אַלטע ראָבן.
זיצן מיר אַזוי אין שטוב און זאָגן תהילים.
דער טאַטע זיצט ביז האַלבן טאָג נאָך אין די תפילין,
ווייל וואָס האָט ער דען צו טאָן אין אַזוינע טעג, אומעטיקע, גרויע.
זאָל ער פון אַ בלעטל גמרא האָבן כאָטש הנאה...
יאָ, אויף קאַווקאַזער גאַס האָט זיך צוגעמאַכט רודניצקיס מילך, —
און אַזאַ שווערע מרה־שחורה שוועבט אַריבער ווילנע,
אָט די ווילנע, די יידישע, מיט אירע געסעלעך און קוואַרטאַלן —
אָט די ירושלים דליטא, וווּ תורה האָט געשפּאַרט דאָרט ווי פון קוואַלן
און האָט די גאַנצע וועלט די יידישע געמונטערט.

איז אַזוי פֿײַנלעך נידעריק געפֿאַלן, —
און גייט שוין לאַנגזאַם אונטער.
איצט גייען מענטשן דאָ אַרום, שוואַרץ און איינגעבויגן,
און ווייסטע שרעק שפּיגלט זיך אין אַלע אויגן.
ווײַל דאָ איז גרוי אַזוי און שוואַרץ ווי וואָלקנס וואָלטן הענגען;
און ווער ווייס וואָס קען די צייט נאָך ברענגען?
און ווייטער נאָך וואָס זאָל איך דיר, קינד מײַנס, שרײַבן?
דײַנע בר־ווערלעך, וואָס קומען פֿון ארץ־ישׂראל צו מיר, ווי
ליכטיקע גרוסן;
ווי קמיע׳ס הייליקע טו איך זיי קלײַבן —
און לייגן זיי אָפּ און באַדעק זיי מיט קושן,
און כ׳דאַנק אַלע ווײַלע גאָטס נאָמען דעם ליבן
פֿאַרן ליכטיקן ווינקעלע, וואָס איז אונז געבליבן.
צום סוף: יאָ, מען זאָגט, אַז עס שמעקט מיט מלחמה;
דו ווייסט דאָך בעסער פֿון מיר מסתּמא.
זע, מײַן קינד, זאָלסט זיך דו ניט פֿאַרמישן...
דער טאַטע שרײַבט ניט, נאָר ער לאָזט דיך האַרציק גריסן.״

ב.

מיין ליד — ס'איז היינט געווען א טאג... — ביים
אקער — מיד... — א מושבניק שרייבט — אויף
דיינע ערד — איך האב איינגעזאפט... — ליד פון
פעלאך — צו דער ארבעט

מיין ליד

זאָל אויפגיין מיין ליד היינט, ווי ס׳גייט אויף אַ זוניקער טאָג,
און באַזינגען אונזער מי, אונזער שווייס אויף פאַרטריקנטן באָדן.
זאָל מיין ליד זיך צעקלינגען, ווי אויפן האַלז פונם קעמל אַ גלאָק,
ווען ער ג״יט טריט ביי טריט מיט משא, מיט שווערע באַלאָדן;

אַזוי גייען מיר אויך טריט ביי טריט, מיט אָדערן ווי שטריק,
מיט הענט שטייפע און האַרטע, ווי שטיינער.
און מיר וויסן: פאָרויס גאָר! ווייל מיר זענען די בריק,
מיר בויען פאַר דורות דאָ היימען.

יעדער טאָג, יעדער טאָג רייסט מען אויס דאָ אַ שטיק פון
דער וויסט —
און פרייד ווי אַ קוואַל צעשטראַלט זיך אין איברים און גלידער.
אירע אַלע הלוצים, ווו איר זענט, ווו איר בויט, זייט באַגריסט!
און ווי ליכט איבער איך, מיינע ברידער!

ס׳איז היינט געווען א טאג ...

ס׳איז היינט געווען אַ טאָג, אַ שווערער און אַ הייסער.
נאָר וואָס קען שווער זיין קעגן גרויסע פרייד?
כ׳האָב היינט אַ גרויסן פעלד אַדורכגעאַקערט — ווייס איך:
אַז ס׳וועט דאָ וואַקסן ברויט.

כ׳ווייס אויך, אַז ס׳איז געווען דאָ וויסט, האַרט און פאַרשטיינערט,
און זעלטן פלעגט פאַרבלאָנדזשען דאָ אַ מידער בעדואין;
ביז אונז האָט קיינער ניט באַמערקט דאָס גליק, קיינער.
און איצטער וועט דאָ תבואה אויפגיין גרין.

מיר האָבן היינט אַדורכגעשוויצט אַ טאָג ביים אויפרייסן דעם באָדן,
וואָס איז פאַרהאַרטעוועט ווי שטיין פון טויזנט יאָר,
און איצט ליגט ער מיט שוואַרצן קוועלנדיקן זאַפט באַלאָדן
און ברענגען וועט ער בענטשונג פאַרן קומענדיקן דור.

ס׳איז היינט געווען אַ טאָג, אַ שווערער און אַ הייסער,
נאָר קען דען שווער זיין קעגן גרויסער פרייד?
כ׳האָב היינט אַ גרויסן פעלד אַדורכגעאַקערט — ווייס איך:
אַז ס׳וועט דאָ וואַקסן ברויט!

ביים אקער

היץ איז שטאַרק דאָ, היץ איז גרויס,
רינט, ווי באָב, אַראָפּ דער שווייס

און באַנעצט די האַרטע ערד.
„שלעפּ זיך, שלעפּ זיך, מידער פערד!"

גייט אין בייט דער אַקער גראָד,
גייט און רייסט איצט אויף דעם באָדן;

און עס ציט זיך לאַנג דער בייט —
שטייגט אַרויס פון אים אַ פרייד;

פרייד פון מיין צעאַקערט ערד.
„שלעפּ זיך, שלעפּ זיך, מידער פערד!"

נאָך אַ בייט, און נאָך אַ בייט,
אָט איז נאָענט שוין דער פלויט.

און דערנאָך — אַהיים אַנטלויף —
דאָרט איז וואַסער אויפן הויף

און אַ קאָריטע דאָרט שטייט...
בלויז פאַרענדיק אָט דעם בייט,

און דערנאָך, דערנאָך, אָקאָרשט,
װעלן מיר שטילן אונזער דאָרשט;

אונזער דאָרשט און אונזער שװײס...״
— אױ, ס׳איז הײס, ס׳איז הײס, ס׳איז הײס!—

„נו, שלעפּ שױן, פערדל מײנס, די פיס:
טרוקן באָדן בענקט נאָך ריס.

רײס עס אױף, דעק אָפּ, אַנטפּלעק!״
— אױ, די טעג, די הײסע טעג! —

װײל איז יענעם, װער עס פילט,
װײס, פאַרשטײט, װאָס ערד זיך װיל.

ז׳גוט צו גײן אין פרישן בײט,
נאָכגײן נאָכן אַקער, פערד,
פילן די געזונטע פרײד
פון אױפגעריסן פרישע ערד!

מיד...

מיד און מיד און דריי מאָל מיד,
ליג איך אויפֿן בעטל נאָך אַ שווערן טאָג און רו,
און ס'זינגט אַרויס אַ ניגון, אַן אומעטיקע ליד
ביי מיר פֿון בלוט.

מיד און מיד און דריי מאָל מיד,
כ'האָב היינט געריסן באָדן האַרט און שווער,
ווי שווער עס איז בכלל דאָס לעבן פֿונם ייִד
אויף גאָטעס ערד.

מיד און מיד און דריי מאָל מיד,
און שווער אַזוי, פֿאַרחלשט, ליגט מיין האַנט —
אין לעצטן בריוו שרייבט מיין מאַמע מיר: „זיי אַ ייִד,
מיין קינד, אין אונזער לאַנד!"

מיד און מיד, און ס'ליגט אַזוי דער מאַמעס בריוו
מיט אותיות קליינינקע ווי מאָן;
און ס'ווייטיקט שווער אַזוי, און ס'ווייטיקט טיף —
און ס'מאַנט

מיד און מיד און דריי מאָל מיד; —
איז וואָס קען ענטפערן אַ מידער זון?
דער הימל אין די אָוונטן איז דאָ רויט אַזוי און גליט,
ווי צעשמאָלצענער טשוגון;

און ווייטער, מאַמעלע, איז גאָרנישטאָ,
מען אַרבעט שווייסיק אָפּ אַ שווערן טאָג.
די הימלען זענען מערער נאָך ווי אומעטום דאָ בלאָ,
אין אַ שאָקאָל הינטער מיין פענסטער אַלע אָוונט קלאָגט.

דאָך אָפּט דערפילט מען דאָ די פרייד פון האַסטיקן געבוי,
וואָס גייט אַזוי מיט פעסטע טריט.
ביי טאָג איז מען פאַרהאָרעוועט, ווי איוואַן דער שכן, אונזער גוי;
אין אָוונט איז מען, מאַמעלע, אַ ביסל — מיד".

א מושבניק שרייבט...

פון פוילן אַרויס, אין לאַנד כ׳בין אַריין —
דאַרט וואָלט איך זיכער אַ קרעמערל זיין,
ווי דו, ברודער מיין.

אין קרעמל געגנאַרן אויף וואָג און אויף מאָס.
אין קלייזל, אַ לייטישער שטאָט־בעל־הבית,
אַ דעה, אַן עצה, אַ קרום מיט דער נאָז.

און אַזוי וואָלט איך גלייך זיך מיט אַלע געדרייט,
געפּלאָנטערט אין חובות, אין פּיין און אין נויט.
די ווייב דאַרף אַ מאַנטל, די טאָכטער — אַ קלייד;

דער עקזעקוטאָר מאַנט שטייער. דער קצב מאַנט געלט.
עס רוקט זיך דער האַרבסט און עס שמעקט שוין מיט קעלט, —
און אומעטיק שווער איז אַזוי אויף גאָטס וועלט...

היינט בין איך, דו זעסט דאָך, אַ פּשוטער ייד,
אַ פּויער, וואָס ווייס פון קיין חכמות ניט,
און אַ דאַנק גאָט פאַר אַלץ, וואָס ער גיט.

אַ שטעלעכל, אַ צריפל, אַ פּאָר דונאַם ערד,
אַן אַקער, אַ רידל, אַ בהמה, אַ פערד.
און ליב איז מיר אַלץ, וואָס איז דאָ מיר באַשערט.

גיי איך אַרױס אין פֿאַרטאָג מיר, אַזוי,
רינט אויף די דעכער אַ פּעטינקער טוי,
שטעל איך אַװעק, און כ׳פֿאַרטראַכט זיך אַזוי:

אָט בין איך דאָ שוין, אָט, דאָרטן אין לאַנד
און אייגנס, און אונזערס, וואָס דאָ איז פֿאַראַן,
מיין צריפֿל, מיין שטעלכל, מיין וואַנט,

פֿון ווייטן דערזע איך מיין שכן, דער ייד,
ווי ס׳ווייזט אויס, שלאָפֿט לאַנג אויך שוין ניט —
גייט נאָכן אַקער, און עפֿנט אַ שניט.

גיי איך און כ׳שפּאַן שוין אויך איין מיין פֿערד;
דער אַקער שניידט איין זיך אין טונקעלער ערד,
און בליצט אין באַגינען, ווי אַ שאַרפֿינקער שווערד.

ליגט זיך אַוועקט אַן אָפֿענער בייט
שוואַרץ און צעפּאַרעט, ווי ראַזעווע ברויט,
וויקלט אַרום מיר אַ ליכטיקע פֿרייד;

און בלוי איז דער מאָרגן, און זוניק און פֿיין —
דאָרט וואָלט איך זיכער אַ קרעמערל זיין,
ווי דו, ברודער מיין!...

אויף דיינע ערד

זון און גריגס, און קינדער שפּילן זיך אין זאַמד,
לאָזן לופט־באַלאָנען פון פּאַפּיר.
ס'איז מיר ליב אַזוי אויף דיינע ערד, מיין לאַנד, —
אַ זוניקער אַרומצוזיין אויף דיר!

און לאָזן אָט אַזוי זיך אויף אַ כביש,
כאָטש כ'ווייס אַליין ניט וווּ עס פירט דער וועג —
ס'איז מיר גוט דיין באָדן פילן אונטער מיינע פיס
און איבער מיר — די ליכטיקייט פון דיינע טעג.

ס'איז מיר גוט צו אָנטרעפן אַן אויפגעאַקערט פעלד,
און וויסן, אַז פון אונזער שווייס, פון אונזער מי.
ס'איז מיר גוט צו אָנטרעפן אַ לייוונטן געצעלט,
וואָס פלאַטערט ווי אַ זעגל שיף אין ווינט.

און אין געצעלט, צום אָנטרעפן אַ יונג,
וואָס איז פאַרברענט און שוואַרץ, פון זיין און ווינט.
ער נעמט מיך אויף מיט ברויט, מיט וואַסער פון זיין קרוג
און באַגלייט מיך נאָך אַרויס אַ צוויי־דריי טריט.

ער דריקט מיר שטיף און חבריש די האַנט
און געזעגנט זיך, ווי אַן אַלטער גוטער־פריינד.
ס'איז מיר גוט, אויף דיינע ערד, מיין לאַנד,
אַרומצוגיין אין העלער זון באַשיינט!

איך האב איינגעזאפט...

איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך דעם געוויין פון דיינע שאָקאַלן,
מיין לאַנד,
און געטרונקען פון דיין הימל דעם לויטערן בלוי.
מיין באַרוועסן טריט געבריט האָט דייַ זאַמד, —
און מיינע האָר האָט געוואַשן דיין טוי.

מיין שוויס האָט דיין טרוקענעם באָדן באַפייכט;
מיין האַנט האָט צעאַקערט דיין ערד.
מיין צעלט אויף דיר אין דער פינסטערניש לייכט, —
אַ שטורעם־לאַמטערן.

מיין לייב האָבן דיינע חמסינים געבראָט,
מיין הויט האָט צעטריקנט דיין ווינט —
און דאָך איז אויף דיר נאָך ניט זיכער מיין טראָט,
איז ווי מיר און ווינד.

ליד פון פעלאר

ס'האָט היינט געצייטיקט אונזער פעלד,
ס'זענען זאַנגען היינט געוואָרן רייף;
שניידן מיר די תבואה אָפּ אויף שנעל
און אין סנאָפּעס בינדן מיר זיי שטייף.

ס'איז היינט אַ יום־טוב דאָ אין אונזער לאַנד,
דער גרעסטער יום־טוב פונם יאָר —
אַקסל שטייף צו אַקסל, האַנט אין האַנט —
און לאָמיר דרייען זיך אין פלאַמענדיקן ראָד.

ס'איז יום־טוב היינט, ס'איז רייף געוואָרן אונזער פעלד,
ס'איז ברכה אויפגעגאַן אין אונזער זאַנג. —
טאָ זאָל אַריבער גאָרער וועלט
אַריבערהילכן אונזער פריילעכער געזאַנג...

שיכורט איין דער שמעקעדיקער פרישער דופט
פון תבואה, פרישע, ערשט געשניטענע אין פעלד,
און אין דער שבועותדיקער לופט
האָט זיך דער הימל איבער אונז ליכטיק בלוי צעהעלט.

צו דער ארבעט

פאַרטאָג צו דער אַרבעט איך גיי.
דעו הימל איז לויטער און ריין.
דער וועג — באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ,
און קלאָרע מהשבות אין קאָפּ.

עס טראַכט זיך: פון קינד אינם וויג,
וואָס ליגט אַזוי רואיק און שטיל
און חלומט אוואַדע פון ציג,
וואָס וועט ברענגען צוקערלעך פיל.

און שמייכלט געוויס פונם שלאָף
מיט אַ ליכטיקן שמייכל אַזאַ,
און חלומט פון טשערעדעס סוף,
וואָס ער זעט זיי אַדורכגיין אַ סאַך...

פאַרטאָג. צו דער אַרבעט איך גיי.
אין מיין קערבל אַ שטיקעלע ברויט.
דער וועג באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף,
און עס וואַשט מיך באַגינענדיק טוי,

עס טראַכט זיך פון אַ סאַך, אָ, אַ סאַך: —
פון מיין צריף, און פון בלעכענעם דאַך,
וואָס דער ווינט רייסט ביינאַכט און ביי טאָג;
און רייכט אים אַלץ דאָך ניט אָפּ...

פון ריזיגן, וואָס שמייסט אָפּט אַריין
דורך די דינינקע ברעטער פון צריף, —
און ניט איינמאָל מיין איך, אַז ס'זינקט איין
מיין אָרימער צריפל — מיין שיף.

דער הימל — פאַרטאָגעדיק ווייס,
און עס טראַכט זיך אַזוי לייכט, אַזוי גרינג — — — —
אַ שאַקאַל איז אַדורך מיר פאַרביי
און אין מורא אַנטלאָפן פלינק...

אַ תפילה

אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר אַלץ, פאַר אַלץ אַ דאַנק!
פאַרן ברויט, פאַרהאָרעוועט פון מיינע הענט;
פאַר מיין צריפל מיט דינע ברעטלדיקע ווענט,
און פאַר מיין שטילן האַרציקן געזאַנג.

אַ לויב דיר, גאָט, פאַר אַלץ, פאַר אַלץ אַ לויב!
פאַר מיין פרוי, וואָס איז פאַרבּרענט פון זון און ווינט;
פאַר אונזער קליינעם דריי יעריקן קינד
און פאַר דיין הימל, וואָס איז טיף דאָ און בלוי.

איך קלאָג זיך מיט גאָרנישט פאַר דיר,
כאָטש דאָס לעבן איז שווער דאָ און האַרט —
איך שטיי ביי דיין אָפענער טיר —

און באַגייסטערט הכנהדיק כ׳וואַרט;
ווייל כ׳ווייס: אַז ס׳וועט קומען דער טאָג אומגעריכט,
ווען ס׳וועט מיך איינגאַנצן פאַרפלייצן דיין ליכט.

ג.

אין רעגנדיקע נעכט

אין רעגנדיקע נעכט

א.

גייט דער רעגן מיט פינגער אַ סאַך
און קלאַפּט אויף מיין בלעכענעם דאַך.
קלינגט אין מיין פענסטער און שויב —
פּויקט ווי מיטן שנאָבל אַ טויב;
און דער ווינט, בלאָזט אַריין אין מיין צריף,
ווערט מיין שטיבל, ווי אַן רודער אַ שיף,
וואָס שווימט אין דער פינסטערער נאַכט, —
און דער בליץ האָט זיך ליכטיק צעלאַכט.
דער דונער ט'זיך רוישיק צעקראַכט
אין דער פינסטערער נאַכט...

ברענט טונקל דער לאָמפּ אויפן וואַנט,
און מאַכטלאָז בלייבט הענגען מיין האַנט; —
איך שעפּטשע צו זיך נאָכאַנאַנד:
ס'איז ווינטער ביי אונז איצט אין לאַנד!
ס'איז ווינטער געקומען צו גיין
מיט רעגן, מיט ווינט, מיט זאַווייִ,
און איך האָב זיך מיט גאַרנישט פאַרגרייט, —
ניט מיט פליישׁ, ניט מיט זאַלץ, ניט מיט ברויט...

רייסט דער שטורעם פון צריך מיינס אַ ברעט,
און די נאַכט לאַכט אַריין ווי אַ שד...

זיצט אַ מענטש אין אַ ברעטלדיק הויז,
און דער שטורעם אין דרויסן איז גרויס.
בויגט בוימער אַראָפּ צו דער ערד
און ברעכט און צערייסט און צעשטערט.
דער רעגן אויף מיין בלעכענעם דאַך
פויקט ווי מיט האַמערס אַ סאַך.
דער דונער קומט אָן מיט געלאַף.
דער בליץ לאַכט אין שויב אַריין שאַרף...

און איך נאָך אַלץ ביי מיין טיש
זיץ מיט פאַרבויגענע פיס.
און דאָס לעמפּל ברענט טונקל און שוואַך,
האָרכט זיך איין, ווי איך צו דער נאַכט;
און זיין פלעמל, רויטלעך און שוואַרץ —
ציטערט אַזוי ווי מיין האַרץ
אין דער נאַכט, אין טונקעלן צריף,
וואָס איז ווי אַן רודער אַ שיף...

ב.

קיינער ווייס ניט ווי אומעטיק עס איז און ווי שווער
זיצן אַליין אין מיין צריף ביי דער נאַכט,
ווען אין דרויסן דער רעגן, ווי אַ טרער
וויינט אויף מיין בלעכענעם דאַך.

און דאָס לעמפל ברענט טונקל און שטיל;
און זיין פלעמל איז געלבלעך און רויט; —
אַ מייזל ביי מיר אונטערן דיל
גריזשעט אַ דאַר שטיקל ברויט;

און איך ביי מיין טיש איינגעדרייט
זיך פאַרבויגן אַזוי און איך קלער:
אַז מען דאַרף פון מיין לעמפל דעם קנויט
אַרויסדרייען אַ ביסעלע מער.

נאָר שווער איז אַ הויב טאָן די האַנט,
כאָטש דאָס לעמפל צאַנקט איין און גייט אויס.
ס'ליגט מיין שאָטן צעלייגט אויפן וואַנט
אַזוי ריזיק און גרויס — — —

בלייב איך אַזוי זיצן און כ'הער,
ווי שאַקאַלן וואָיענען ווי הינט.
אין מיין טיר האָט, דוכט, אַנגעקלאַפּט ווער,
אַזוי שוואַך, ווי אַ צוויי־יעריק קינד.

כ'עפן די טיר אויף, אויף גיך, —
איז קיינער לעם איר גאָר ניטאָ; —
די לבנה פון די וואָלקנס, ווי אַ פליך,
קוקט פאַרכמאַרעט און גראָ.

און אַ שטערן, ווי אַ זילבערנע טרער
שטייט אויפן הימל, ווי אין אַ שטורעם אַ שיף...
קיינער ווייס ניט ווי אומעטיק עס איז און ווי שווער,
זיצן ביי דער נאַכט איינער אַליין אין מיין צריף.

ד.

גבעת־השלשה — בראשית — אונזער עס־צימער — א פארטאג — א זומער אוונט — א וויג־ליד — א מאל אין א פרייטיק־צו־נאכט — מיין צימער — זיי קומען די אלטינקע טאטעס און מאמעס

גבעת ־ השלשה

וואָס זאָל איך צו דיין יובל איצט דערמאָנען ?
ליגט מיר אויפן צונג אַ וואָרט און כ׳קען עס ניט דערזאָגן ;
ווייל איז די, וואָס וווּנדער ווייזן קאָנען
און אויף די פּלייצעס זייערע, דיך ביז אַהער דערטראָגן.

בערגל פון די דריי, פאַראיינזאַמט און פאַרלאָזן
ביסטו געלעגן אויסגעקערט, ווי אַן אַלט פאַרזשאַווערט בעכער,
פאַרוואַקסן מיט אויקאַליפּטוס און מיט ווילדע גראָזן
און ס׳האָבן שלענג געפּיטערט זיך אין דיינע לעכער.

און האָסט געדרימלט אַט אַזוי אין וויסטן דרימל
דורות־לאַנג, און לאַנגע, לאַנגע יאָרן ;
און איבער דיר געהאָנגען איז דער זעלבער הימל
און שאַקאַלן האָבן אָפּגעוויינט אין דיינע נעכט די קלאָרע.

ביז געקומען זיינען זיך, פון לענדער אַנדערע
און אַריינגעקלאָפּט אין באַרג דעם ערשטן שטעקן,
און אויפגעשטעלט אויף דיר די ערשטע לייוונטענע געצלטן,
און אַזוי, ביי קיינעם נישט צו פרעגן, צעוויקלט נייע וועלטן...

הײנט האָט דײן באַרג זיך אויפגעכאַפּט צום לעבן
און אויפגעגראָבן פון דײן טיף האָט מען אַ ברונעם —
און צוזאַמען מיטן װאַסער האָט מען מוט גענומען שעפּן
און ס'זענען ערגעץ װוּ די שלענג אַנטרונען.

איצט בליט שוין די גבעה, און גרינט. בלענדט פון װײטן
און שפּרײט זיך אויס מיט צעלטן און מיט שטובן.
נישטאָ קײן שפּור פון יענע נאָנטע צײטן,
װען ביסט געלעגן און געװיסטעט אין דײן חורבן.

טאָ װאָס זאָל איך צו דײן יובל איצט דערמאָנען?
װען ס'ליגט אויפן צונג אַ װאָרט און כ'קען עס ניט דערזאָגן:
װײל װויל איז די, װאָס װוּנדער װײזן קאָנען
און אויף די פּלײצעס זײערע דיך ביז אַהער דערטראָגן.

בראשית

ס׳איז וויסט געווען דער באַרג, ס׳איז וויסט געווען און לער;
אַ בעדואין האָט זעלטן ווען פאַרבלאָנדזעט אַט־אַהער,
מורמלענדיק אַ גאַנצע נאַכט תפילות אין זיין שוואַרצער באָרד —
איז ער אויף מאָרגן פרי, אין איילעניש אַנטלאָפן פון דעם אָרט...
האָבן עוקאַליפטוסן געוואַקסן אין דער ברייט און לענג —
און ס האָבן דורות לאַנג געפיטערט זיך שאַקאַלן דאָ און שלענג.

ס׳האָט די וויסטעניש געפיטערט זיך אין ווילדן גראָז,
און ס׳האָט אין זומפּ געקוואַקעט פריי די פראָש.
פּוסטקייט האָט צו וויסטעניש גערעדט,
געפרעגט: „זאָג, ברודערל, ווי שפּעט?"
און ס האָט די ווילדעניש געענטפערט דייטלעך קלאָר:
„דער וועלט־זייגער איז טויזנט־ניין־הונדערט־פינף־און־צוואַנציק יאָר
און באַלד איז מאַי.
נאָר שאַ, וואָס הער איך עמיץ שרייט,
ווער קומט עס איצט צו גיין
און אויפוועקן פון שלאָף אונזער וויסטיקן געביין?!..."

*

נאָר ס׳האָבן באַוויזן זיך יונגען
מיט פּעק,
און מיט זעק.
מיט העק,
און מיט זעג, —
מיט אײַזערנעם ווילן
און מיט מונטערע בלוט,
מיט הייסע געפילן.
און ס׳האָט
זייער טראָט
זיך צעקלונגען
אין ליכטיקן מאַי,
און ס׳האָבן זיך זעגן צעזונגען
פרײַ — — —
איז געפאַלן אַ בוים
נאָך אַ בוים,
אין פאַרלאָזענעם פעלד
איז געוואַקסן געצעלט
נאָך געצעלט,
און ס׳האָט זיך צעשריען אַ יונג ווי אַ פערד:
העי, מיר צונויפגעקומענע פון גאָר דער וועלט!
אָט דאָ איז אונזער ערד,
פון דאַנען וועלן מיר אויפגיין, זיך צעוואַקסן,
צעבליען און זיך צעשפּרייטן;

אַקסל צוגעשמידט צו אַקסל,
עקשן צוגעשמידט צו עקשן.
אַט דאָ װעלן מיר זײַן גרייט,
אויף פרייד!
אויף נויט!
אויף קייטן! ..."
און ס'איז דער יונג געוואָרן שטיל אַנטשוויגן.
חברה זענען מידערהייט געבליבן ליגן
בײַ די נאָך ניט אינגאַנצן אויפגעשטעלטע צעלטן,
מיט האַרטן בײַנערדיקן פּויסט צוקאָפּנס,
און ס'האָט זיך אין עוקאַליפּטוס־וואַלד צעטראָגן זייער כראָפּען
איבער ווייטן וועג,
איבער שלאָפנדיקע וועלטן;
און אָנגעזאָגט פון פריידיק שווערער אַרבעט
פאַר קומענדיקע טעג.

ס'האָט די זעג, די שטיפעריק, זיך מיט דער האַק איבערגעוווּנקען:
"דאָ וועט אַן אַרבעט גיין אויף זאַמדיק ערד ..."
נאָר ס'איז די מידע האַק געלעגן שטייף אין שלאָף פאַרזונקען
און ניט דערהערט.

אונזער עס־צימער

דער עס־צימער, וואָס איז בײַ אונז פֿאַראַן —
איז אַ לאַנגער צריף צונויפֿגעקלאַפּט פֿון ברעטער;
די ברייט מסתמא אַ צען שפּאַן,
די לענג — אַריבער דרייסיק מעטער.

דער דאַך פֿון בלעך, די פּאָדלאָגע איז פֿון בעטאָן,
און פֿענסטער צוועלף, און פֿיר טירן
און ווער עס קומט אַריין, ווער עס קומט דאָ אָן —
וועט זיך שוין ניט פֿאַרלירן.

די טישן זײַנען דאָ פּאָר אַלעמען געגרייט;
דער זופּ אין וואַזעס פּאַרצעלײַענע אַװעקגעשטעלט אין מיטן.
אין קערבעלעך אין שטרויענע דאָס ברויט
ליגט אין פּעניצעס צעשניטן.

בײַטאָג איז שטיל אין עס־צימער אַזוי
אין רואיקייט, אין רו פֿאַרזונקען.
אַ פֿליג איז דורכגעפֿלויגן איינס און צוויי
און אין אַ טעפּל טיי זיך שטיל דערטרונקען...

ביינאַכט איז אָבער דאָ דער רעש געדיכט,
די חברה זענען זיך צונויפגעקומען —
פון אַלע פענסטער איז עלעקטריש ליכט
אין נאַכט אין פינסטערער אַרויסגעשווומען.

לייכטן ווייט די שויבן ליכטיקע פון באַרג
צעשיינען זיך אין נאַכט אין בלויער.
און אַרום, פון די כרמים הערט זיך שטאַרק
פון די שאַקאַלן זייערע געוויינען...

אַ פאַרטאָג

אַרום איז שטיל, עס דרייט זיך נאָר דער שומר,
און זוכט אַ טיר, און וועקט שטיל אויף אַ חבר.
אין בלויען געפּל דרימלען נאָך די בוימער,
אין מזרח זייט דער הימל רויט ווי זשאַווער.

עס טשוכעט זיך אַ צריף ,און ס׳גיט אַ טיר אַ גענייץ.
און שפּייט אַרויס אַ יונג אין מיטן דרעמלען.
די לבנה שווימט אַרום אַ אַ זילבערנער אַ דינער פּענעץ
און זעט ערגעצן ווי ס׳גייען קעמלען.

אַ שאַקאַל האָט זיך צעווײנט אין פריאיקן באַגינען,
און דורכגעלאָפן די מחנה ווי אַ פייער —
האָבן זיך אין לול דערשראָקן אַלע הינער
און גענומען שרייען.

וועקט זיך אויף דער מאָרגן כמורנע, אַנגעשטויסן,
און הויבט פון שרעק אָן בלייכן.
זעט דער שומר, אַז עס טאָגט אין דרויסן —
הויבט ער אָן צו קלינגען אין דעם גלאָק, וואָס לעם חדר־האוכל.

א זומער אוונט

פון רפת שרייען אומעטיק די קי,
און חברה קומען מידע שוין אַהיים.
די זון, אַ רויטע, לעשט זיך ערגעץ טיף
און ס׳ברענט איר לעצטער שטראַל נאָך אויף אַ בוים.

עס דרייען זיך די קינדער אין אַ קרייז
און שפּילן זיך אין טונקעלן פאַרנאַכט.
דער בית־ילדים זעט איצט אויס אַזוי שטאַרק ווייס,
און ווי אין זיך פאַרשלאָסן און פאַרמאַכט...

אַ מאַמע זוכט איצט אָפּ איר קינד פאַר אַ גאַנצינקן מעת־לעת
און קושט אים אָן מיט ריינער מאַמעדיקער פרייד.
פון וויטן טונקלט זיך אין אָוונט דער פּרדס,
וואָס ליגט ווי אַ שוואַרצע סאָווע אויסגעשפּרייט.

אַן אייזעלע אין שטאַל צעשרייט זיך רעוונדיק און הויך,
און פאַרגייט זיך אין אַ כריפּנדיק געוויין.
דער הימל וויקלט זיך אין טונקלקייט ווי אין בלויען רויך
און ס׳הויבן שוין די ערשטע שטערן אָן אַרויסצוגיין.

אַז אויטאָ פאָרט אַרויף מיט רעש און שפּרונג,
און שלעפּט מיט זיך אַ שטויב און קרעכצעט שווער.
פון עס־צימער הערט זיך שוין דער קלונג,
וואָס רופט אויף ארוחת־ערב.

אין נאָענטן צריך שפּילט עמיצער אויף אַ מאַנדאָלין,
און מיידל־שטימען העלפן הילכיק צו.
דער אָוונט שפּרייט זיך אויס ווי אַ ריזיק שוואַרצע שפּין:
און פאַרוויגט אין בין־השמשותדיקער רו.

אַ וויג־ליד

טעג זענען זוניק הייסע;
נעכט זענען בלוי און קלאָר:
אַז דו וועסט ווערן, קינד, אַ גרויסער —
וועסטו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר.

שלאָף דערווײַלע, קינד מײַנס, ליבער, —
שלאָף, כל־זמן דו ביסט נאָך קליין.
מיר שטעלן דאָ הײַזער, שטיבער;
מיר בויען פאַר דיר אַ היים.

דאָ איז געווען זומפּ און זאַמדן;
דאָ איז געווען וויסט און לער; —
האָבן מיר זיך גענומען אַלע צוזאַמען
און געמאַכט פרוכטבאַר די ערד.

האָבן מיר געפלאַנצט פרדסים
אין שווערע טעג, אין גרויען וואָר.
וואַקס מײַן קינד, און ווער אַ גרויסער;
וועסטו מיטשלעפּן דעם יאָך.

האָבן מיר פאַר אייערטוועגן
היימען פון בעטאָן געשטעלט,
און אַליין אויף גאָס און רעגן ,
זענען מיר געווען אין צעלט.

האָט געריסן שטיקער לייוונט,
און געשמיסן בייז דער ווינט...
שלאָף, דו ביסט נאָך קליין דערווײלע;
שלאָף, כל־זמן דו ביסט אַ קינד!

אמאל אין א פרייטיק־צו־נאכטס

איינגעפלאָכטן הענט אין הענט,
און אַקסל צוגעפרעסט צו אַקסל.
ווי קאַרוסעלן — דרייען זיך די ווענט;
און איינס אין צווייטן איז אַריינגעוואַקסן.

עס הויבן זיך די פיס, ווי גאַלאָפּירנדיקע פערד,
און ס׳פלאַטערן די טשופּרינעס ווי טויבן.
עס וואַקלט זיך אונטער דיר די ערד,—
און ס׳וויגט זיך דער סופיט פון אויבן.

עס טרייסלען זיך די פענסטער פונם צריף,
און לייבער ברענען שוין און גליען.
די נאַכט איז בלוי, די נאַכט איז טיף,
דאָס בלוט — איז הייס און בריאיק.

אַ גאַנצע וואָך פאַר זון און ווינט,
אַ גאַנצע וואָך פאַר שווערער פּראַצע, —
נו דרייט מען זיך אָט איצט געשווינד;
נו דרייט מען זיך, אָט ביז צום פּלאַצן.

אַ שלעכטער בריוו! אַ שווערע זאָרג?
נו, צוגעקלאַפּט און ניט געשטאַנען!
וואָס מיר היינט, דער עיקר — מאָרגן;
און ליכטיק איז דער ציל צו וואַנען.

אַן אַלטע מאַמע, שלאָף און געל,
אַ קראַנקער פּאָטער, איבער ימען?
דרייט אין ראָד זיך, שנעלער, שנעל!
און פאַרטאַנצט עס אַלץ צוזאַמען.

דלות, צרות, בילד נאָך בילד
האַלט אין לעשן זיך און צינדן?
שטאַרקער, שטאַרקער, ווילדער, ווילד!
וועט עס אַלצדינג באַלד פאַרשווינדן...

זעסט אין חלום טאַטנס האַנט
אויסגעשטרעקט צו דיר אַ מידע?
ניט פאַרגעס, דו בויסט דאָס לאַנד.
שטאַרקער, לעבעדיקער, ברידער!

עס בלאָזט אַריין אין צריף אַ ווינט.
און לול עס קרייען שוין די האָנען.
אין בית־ילדים האָט זיך צעוויינט אַ קינד,
ווי ער וואָלט אַן עפּעס זיך דערמאָנען.

די חברים זענען טייל שוין מיד,
און פאַלן אָפּ ווי טויטע פליגן.
עס לעשט זיך אויס דאָס יונגע בלוט,
און ס׳ווערט פאַרחלשט שוין דער ניגון.

דאָך אין אַ ווינקל דרייט זיך דרייט
אַ ראָד אַלץ האַסטיקער, געשווינדער: —
ווער הערט עס איצט דעם האָן־געקריי,
דאָס וויינען פון די קינדער?

שטאַרק צעשויבערט איז די האָר,
די אויגן — פייער גלאַנצן.
לאָמיר אונזער גרויע וואָר
ביזן ווייסן טאָג פאַרטאַנצן!

מיין צימער

פינף טריט די ברייט
פינף טריט די לענג,
אַ בעטל שטייט;
אַ טישל שטייט —
און ס׳איז נישט ענג.
דער דאַך —
פון פּח.
פון ברעטער דינינקע — די ווענט,
ווי דאַרע הענט.
און יעדער ברעט —
געקאַלכט אויף וויאָלעט.
און אויפן טישל שטייען בלומען אין אַ גלאָז,
ווייס און רויט און ראָז.
און פון מיין פענסטער, וועלכע האַלט זיך אויף אַ נס,
זע איך אַלע אָוונט, ווי עס טונקלט אין פּרדס.
און אַביסל אויסגעבויגן, ווי אַ שיכור אין דער שיף,
שטייט מיין צריף...

זיי קומען די טאַטעס און מאַמעס . . .

זיי קומען, די אַלטינקע טאַטעס און מאַמעס צו אונזערע ברעגן,
זיי קומען, גרויע און מידע, אין דרייען געבויגן —
ווי ס׳וואָלט אויף זייערע פּלייצעס דער טויזנט־יאָריקער גלות געלעגן
און אַזוי פיל יידישער צער אין די אויגן.

זיי קומען, די אַלטינקע טאַטעס און מאַמעס, פאַרשטויבטע און גרויע,
און שעמעוודיק קושט מען די זין און די טעכטער,
און ס׳ווערט ווי דערטרונקען דער יידישער טרויער
אין קינדערס געזונטן געלעכטער.

זיי קומען צו אונז אין קיבוץ, אין קבוצה, און אין צריפל,
באַטראַכטן די קינדער, געזונטע און ברוינע, פון זון און פון שווערער האַרעוואַניע;
לייגט זיך ביי זיי אויפן שטערן אַ קנייטש נאָך אַ טיפער,
און פרעגן אַליין זיך: פון וואַנען כוח אַזוי פיל, פונוואַנען?

באַטראַכטן די פערד, די בהמות, די הינער, דעם משק,
און אַלץ אַזוי ניי, און אַלץ אַזוי פיל איז מיט חידוש,
באַטראַכטן די אייניקלעך, וואָס דרייען זיך אום דאָ פאַר׳עסק׳ט
און פאַרשטייען אַ וואָרט נישט, וואָס זיידעס ריידן אין יידיש.

שטייען די אַלטינקע, באַוווּנדערן די וועלט אָט די נייע,
וואָס האָבן מיט שווייס און מיט בלוט אויפגעבויט זייערע יונגען:
„ווי קומט עס צו זיי, פון וואַנען אַזאַ ברען, אַזאַ פייער,
צו קענען שאַפן ברויט מיט די הוילע צען פינגער?"

איין טאַטע — אַ מעקלער. דער צווייטער — האָט אַ סך הינערשע
בלוט שוין פאַרגאָסן —
אַ שוחט; דער דריטער — אַ למדן, אַ חלוש, אַ קראַנקער,
געלעבט אָט אַזוי ווי דער ווינט האָט געבלאָזן.
און דאָ — אַזוי פעסט זיך פאַראַנקערט.

שטייען די אַלטוואַרג, און אַ מאַמע ווישט אויס זיך די אויגן
און שעמענדיק פאַרבאַהאַלט זי אין טיכל די טרערן:
—„מיין קינד האָט שטענדיק אַהער זיך געריסן, געצויגן,
און איך האָב געוווּסט נאָר צו שטערן".

און ס׳קלאָגט זיך אַ צווייטע: „מיין קינד איז ביי מיר נישט צו פרעגן.
אַוועק אָט אַזוי אין אַ נאַכט מיטן העמד אויפן לייב אין אַ קבוצה,
און דאָרטן ט׳ער וואַסער געטראָגן, און האָלץ געטאָן זעגן
ווי אַלע חלוצים".

און אַ מאַמע אַ דריטע האָט סתם אַט אַזוי זיך צעכליפּעט
פון פרייד און פון גליק, וואָס שווער איז געווען צו באַנעמען,
נאָר ס'האָט זיך צעשריען אַ טאַטע: „וואָס איז היינט, יום־כיפור?...
און אַליין בגנבה פאַרבאַהאַלטן אַ טרער אין די האָריקע ברעמען.

אינהאַלט:

א.

ס׳איז געווען האַרבסט דאַן...

צווייַ בריוו

ב.

מיין ליד

ס׳איז היינט געווען אַ טאָג...

ביים אַקער

מיד...

אַ מושבניק שרייבט...

אויף דיינע ערד

איך האָב איינגעזאַפּט...

ליד פון פעלאַך

צו דער אַרבעט

אַ תפילה

ג.

אין רעגנדיקע נעכט

ד.

גבעת־השלשה

בראשית

אונזער עס־צימער

אַ פאַרטאָג

אַ זומער־אָוונט

אַ וויג־ליד

אַמאָל אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט

מיין צימער

זיי קומען די טאַטעס און מאַמעס

פון זעלבן מחבר איז דערשינען:

אונטער בלויע הימלען

תל-אביב 1935